ג. מאמר כעין שיחה עה"פ יהודה אתה יודוך אחיך וגו׳.

ד. בהמשך צו וואס מ׳האט גערעדט פריער (בהמאמר) וועגן "יהודה אתה", וועט מען זיך אויך אפשטעלן אויף א רש"י (וואס כנהוג איז מען אויך מבאר א פירוש רש"י), וואס איז שייכות צו יהודה, אויף דעם פסוק "גור ארי׳ יהודה".

רש"י (מט,ט) שטעלט זיך אויף "גור ארי׳" און איז מפרש: "על דוד נתנבא [און דערפאר שטייען דא צוויי ענינים: גור און ארי׳, וואס גור איז א קטן (ולכאורה וואס איז דער שבח אין דעם, נאר) ביי דוד זיינען געווען צוויי זמנים] גור בהיות שאול מלך עלינו אתה היית המוציא והמביא את ישראל ולבסוף ארי׳ כשהמליכוהו עליהם. וזהו שתרגם אונקלוס שלטון יהא בשרויא, בתחלתו [אז אויך בשעת ער איז געווען נאר א "גור" איז ער אויך געווען שלטון]".

וואס עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק פארוואס רש"י ברענגט אראפ דעם גאנצן פסוק - אויך די התחלה "בהיות שאול מלך עלינו", ווייל דאס ברענגט ארויס אז אויך בשעה ער איז געווען א "גור", נאך פאר דעם וואס ער איז געווארן א מלך, איז ער אויך געווען א שלטון.

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "מטרף" און איז מפרש: "ממה שחשדתיך בטרוף טורף יוסף חי׳ רעה אכלתהו וזהו יהודה שנמשל לארי׳". און דערנאך שטעלט ער זיך אויף "בני עלית" און איז מפרש: "סלקת את עצמך ואמרת מה וגו׳, וכן בהריגת תמר שהודה צדקה ממני, לפיכך כרע רבץ וגו׳ בימי שלמה איש תחת גפנו וגו׳".

זיינען פאראן אין רש"י כמה דיוקים, ביז עס איז אויך פאראן א קלאץ קשיא, און אנהויבנדיק מיט די דיוקים איז דא גלייך ניט פארשטאנדיק:

(א)

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

א) פארוואס לערנט רש"י אז "גור ארי´" גייט אויף דוד; לכאורה וויבאלד אז עס שטייט גור ארי´ יהודה, האט דאך רש"י געדארפט לערנען אז דאס גייט אויף יהודה. בשלמא וואס רש"י לערנט פריער אז "ידך בעורף אויביך" גייט אויף דוד, איז דאס ווייל דארט שטייט ניט "יהודה", משא"כ דא שטייט גור ארי´ יהודה, האט רש"י געדארפט לערנען אז דאס גייט אויף יהודה?

ב) פארוואס איז רש"י מסיים "וזהו שתרגם אונקלוס"; אלע מאל ווען רש"י ברענגט פון תרגום זאגט ער "כתרגומו" וכיו"ב, ד.ה. אז ער ברענגט א ראי´ פון תרגום. דא אבער זאגט רש"י "וזהו שתרגם", אז ער איז מפרש תרגום אונקלוס, ולכאורה איז רש"י ניט קיין פירוש אויף אונקלוס?

ג) פארוואס דארף רש"י בכלל זאגן "תרגום אונקלוס", ער האט דאך געקענט זאגן "וזהו תרגומו" און ניט ברענגען "אונקלוס", ווי ער זאגט כמה פעמים?

ד) פארוואס דארף רש"י מוסיף זיין "וכן בהריגת תמר", אז דארט איז אויך געווען מלקת עצמך; פון וואנען נעמט רש"י אז דער פסוק מיינט ביידע ענינים? און דא זאגט דאך ניט רש"י "דבר אחר" וכיו"ב, נאר דאס זיינען צוויי ענינים אין דעם סלקת עצמך, קען מען ניט ענטפערן ווי מ´ענטפערט ווען רש"י זאגט צוויי פירושים, אז יעדער איינער האט א שוועריקייט; איז פארוואס דארף רש"י האבן ביידע ענינים; ובפרט אז דער ווארט "מטרף" שטייט נאר ביי יוסף´ן, אבער ביי תמר´ן שטייט ניט "מטרף"?

ה) אז רש"י ברענגט שוין יא פון תמר, האט ער דאך געדארפט דאס ברענגען פריער, פאר דעם וואס ער איז מפרש "בני עלית", גלייך נאך דעם וואס ער זאגט וועגן יוסף, איז פארוואס ווארט ער ביז נאך דעם וואס ער איז מפרש "בני עלית"?

ו) פארוואס בשעת רש"י איז מפרש דעם ווארט "עלית" איז ער אויך מעתיק דעם ווארט "בני", דלכאורה איז ער נאר מפרש דעם ווארט "עלית", אז דאס מיינט "סלקת את עצמך"?

דאס זיינען דאך אלץ די דיוקים, דערנאך קומט די קלאץ-קשיא:

ז) רש"י איז מפרש דעם כללות הענין, אז וויבאלד ביי ראובן איז געווען "עלית משכבי אביך", און "אז חללת יצועי עלה", און ס´איז געווען "פחז כמים", דערפאר איז "אל תותר", אז די ענינים וועלכע ראובן האט געדארפט באקומען, מלכות און כהונה [וואס ער איז אויף דערוף ראוי מצד דעם וואס ער האט געדארפט האבן "יתר שאת ויתר עז", וואס גייט אויף כהונה און מלכות (ווי עס שטייט ויתן עז למלכו)], איז דאס אוועקגענומען געווארן פון אים און מ´האט אפגעגעבן יהודה´ן מלכות, ווי עס שטייט דא "גור ארי´", וואס גייט אויף דוד המלך, און דערנאך אויף שלמה; אזוי איז רש"י מפרש דעם המשך הענינים.

איז דאס לכאורה אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: דאס וואס יהודה

יהודה איז יא געווען ראוי אויף דעם, איז דאס מצד דערוף וואס "מטרף בני עליה", ווי ער זאגט דא, אז ער האט געראטעוועט יוסף׳ן פון הריגה, און אובן וואס ער האט תשובה געטאן פון מעשה תמר און געזאגט צדקה ממני - אבער לכאורה איז דאס ביי ראובן׳ען געווען א סך מער; יהודה האט בלויז געזאגט "מה בצע כי נהרוג את אחינו", ער האט עס טאקע געראטעוועט פון טויט, אבער דערנאך האט ער אים פארקויפט, משא"כ ראובן האט געוואלט אינגאנצן "להשיבו אל אביו" (וישב לז,כב), און ניט נאר ראטע-וועז אים פון הריגה און פארקויפן אים; איז דאס לכאורה א סך מער ווי יהודה.

אזוי אויך אין דעם צווייטן ענין, וואס יהודה האט מודה געווען ביי תמר און האט געזאגט צדקה ממני, וואס דאס איז דער ענין פון תשובה, איז דאך ביי ראובן דאס געווען א סך מער, ווי רש"י זאגט פריער (שם, כט) "וישב ראובן - במכירתו לא הי׳ וכו׳ עסוק הי׳ בשקו ותעניתו על שבלבל יצועי אביו"; איז דאך די תשובה פון ראובן׳ען געווען א סך מער, אז ער האט געהאלטן אין איין פאסטן און זיצן אין א שק אפילו שפעטער, בזמן מכירת יוסף, וואס דאס איז געווען כמה זמן לאחרי וואס "בלבל יצועי אביו", איז דאך די תשובה פון ראובן׳ען געווען באין ערוך מער ווי די תשובה פון יהודה׳ן,

איז ניט מובן: פארוואס האט מען אוועקגענומען מלכות פון ראובן און געגעבן יהודה׳ן, בשעת אט די טעמים וואס זיינען דא אויף געבן מלכות צו יהודה׳ן, זיינען פאראן נאך מער ביי ראובן, ועאכו"כ אז מ׳זאל דאס פון אים ניט צונעמען?

וואס דאס איז א קשיא אין פשוטו של מקרא, אז יהודה וואס ער האט נאר געראטעוועט יוסף׳ן פון הריגה, און האט אים אבער דערנאך פארקויפט, וואס דאס איז ניט קיין געוואלדיקער ענין, ווארום דער גאנצער טעם וואס ער האט אים ניט גע׳הרג׳עט איז ווייל מ׳וואלט גארניט פארדינט פון דעם, און ווי רש"י טייטשט פריער (שם, כו) אויף "מה בצע": "מה ממון כתרגומו", וואס דער תרגום פירט אויס "מה ממון נתהני לנא ארי נקטול ית אחונא"; האט מען אים פארקויפט און מ׳האט פארדינט געלט. משא"כ ראובן האט אינגאנצן געוואלט "להשיבו אל אביו", און אים גארניט טאן.

אזוי אויך בנוגע הריגת תמר, האט יהודה נאר געזאגט "צדקה ממני", און מער האט ער ניט געטאן, ובפרט אז דארט רעדט זיך וועגן ראטעווען פון הריגה, איז וואס איז דער גרויסער שבח פאר א בן יעקב אז ער האט מודה געווען בדי מ׳זאל איר ניט הרג׳נען, ובפרט ווי דער מדרש זאגט אז עס וואלטן גע׳הרג׳עט געווארן פיר נפשות, איז קיין שבח ניט אז יהודה האט מודה געווען אויף ראטעווען תמר און די עוברין, וואס דאס זיינען דריי נפשות (אדער פיר נפשות, ווי דער לשון המדרש),

משא"כ ראובן האט תשובה געטאן אויף אן ענין וואס האט ניט געהאט צו טאן מיט הריגה, בלויז אן ענין פרטי; און אפילו בשעת

הנחת הת׳ בלתי מוגה

בשעת מעשה איז ער אויך געבליבן א בכור, און ווי רש"י (וישלח לה,כג) זאגט אויפן פסוק ויהיו בני יעקב שנים עשר גו׳ בכור יעקב ראובן, אז "אפילו בשעת קלקלתו קראו בכור";

און דאס איז געווען אן ענין וואס איז געווען פאר- בונדן מיט כיבוד אם, וואס ער האט געזאגט (רש"י שם, כב) "שפחת אחות אמי תהא צרה לאמי", איז דאס גאר געווען אן ענין פון כיבוד אם; און ווי די גמרא (שבת נה,ב) זאגט אז כל האומר ראובן חטא אינו אלא טועה, און רש"י נעמט דאס אן אין פשוטו של מקרא, וואס דערפאר זאגט רש"י אז ראובן אפילו בשעת קלקלתו איז ער געבליבן דער בכור,

און אעפ"כ האט ער אויף דערויף תשובה געטאן אין אן אופן באי"ע לתשובת יהודה, און פונדעסטוועגן האט מען אוועק- גענומען מלכות פון ראובן און מ׳האט דאס אפגעגעבן יהודה׳ן, אן ענין וואס איז פונקט היפך ווי עס וואלט לכאורה געדארפט זיין.

דערפאר פרעגט דער בן חמש למקרא די שטורמדיקע שאלה (ווארום ער שלאפט ניט ביים לערנען, פרעגט ער די שאלה, משא"כ א בן שבעים וחמש וואס ער שלאפט און הערט ניט וואס מ׳רעדט, פרעגט ניט די שאלה), אז לכאורה איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: וואס איז די מעלה פון יהודה, סיי אין די מעשה פון יוסף וואס ער האט אים נאר געראטעוועט פון הריגה אבער ער האט דאך אים שפעטער פארקויפט; וואס יהודה איז שוין דעמאל׳ט געווען דער מלך שבאחיו, ווי רש"י (וישב לח,א) זאגט אז ערשט שפעטער "הורידוהו אחיו מגדולתו", אבער פריער איז ער געווען דער מלך, און בשעת זיי האבן געזען בצרת אביהם האבן זיי געזאגט "אלו אמרת להשיבו היינו שומעים לך"; און אזוי אויך אין דער מעשה מיט תמר איז דאס ניט קיין גרויסע מעלה, משא"כ ביי ראובן, וואס ביי אים איז געווען בכוונה להשיבו אל אביו אינגאנצן, און אזוי אויך איז די תשובה גע- ווען באין ערוך, איז דאך ניט מובן פארוואס האט מען אפגעגעבן מלכות צו יהודה׳ן?

וואס די שאלה און אויך די אלע דיוקים וועלן אראפ- גיין אין דער ביאור פון פירוש רש"י. וכפי שיתבאר לקמן.

אויף אומקערן זיך צו דער רש"י – וועט מען פארשטיין די רש"י בהקדם נאך א פלא וואס איז דא אין פירוש רש"י בנוגע ראובן׳ען: רש"י איז מפרש דאס וואס ס׳שטייט ביי ראובן (מט,ג) "יתר שאת ויתר עז", אז דאס גייט אויף צוויי זאכן, כהונה און מלכות; אז דאס האט מען אוועקגענומען פון ראובן׳ען. אין תרגום שטייט אבער אז ראובן איז געווען ראוי "למסק תלתא תולקין", בכורה,כהונה און מלכות, און די אלע דריי ענינים האט מען אוועקגענומען פון ראובן.

איז ניט מובן: פארוואס זאגט ניט רש"י אז מ"האט פון אים אוועקגענומען אויך בכורה; ובפרט אז רש"י פארלאזט זיך א סך מאל אויף תרגום אונקלוס, ביז אז דא אין ויחי, אין דעם פסוק "גור ארי׳ יהודה" גופא ברענגט רש"י "וזהו שתרגם אונקלוס", איז פאדוואס איז דא רש"י מפרש אנדערש ווי דער תרגום?

אפילו אז מ׳וועט זאגן אז אויך רש"י האט א מקור אין דרך הדרוש, פון דעם וואס (טאקע אין מדרש רבה שטייט ווי אונקלוס, אבער) אין תנחומא שטייט ווי רש"י, אז מ׳האט פון אים צוגענומען בלויז צוויי ענינים; און אפילו אז מ׳וועט זאגן אז רש"י האלט אזוי אויך אין דרך הפשט, איז אבער שווער פון דעם וואס רש"י איז מפרש אויפן פסוק (מח,כב) ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך, אז דאס מיינט: הוא הבכורה שיטלו בניו שני חלקים, הייסט דאס אז מ׳האט אוועק געגעבן די בכורה צו יוסף׳ן.

אפילו אז מ׳וועט פארענטפערן אז דאס איז נאר אזוי אין דרך הדרוש און די רש"י דארטן איז בלויז א ד"א, איז אבער די שאלה פון א בפירוש׳ן פסוק אין דברי הימים (א), וואס דארט (ה,א) שטייט אויף ראובן "ובחללו יצועי אביו נתנה בכרתו לבני יוסף", איז לכאורה א סתירה פון דעם פסוק אין דברי הימים צו דעם ווי רש"י איז מפרש אין פרשת ויחי.

אפילו אז מ׳וועט זאגן אז רש"י׳ס הכרח איז פון דעם וואס עס שטייט ביי ראובן "אל תותר", וואס פון דעם איז מובן אז נאר די ענינים וואס אויף זיי שטייט דער לשון "תותר" האט מען אוועקגענומען, און אין פסוק שטייט דאך בלויז יתר שאת און יתר עז, וואס גייט בלויז אויף כהונה ומלכות; איז דאס טאקע א הכרח, אבער דאן שטעלט זיך די שאלה אויף דעם פסוק אליין, אז דאס איז א סתירה לכאורה צו דעם פסוק אין דבה"י?

וועט מען דאס פארשטיין בהקדם דעם ביאור אין פירוש רש"י אויף "גור ארי׳", וואס רש"י זאגט אז דאס גייט אויף דוד׳ן, וכמוכח פון דעם וואס עס שטייט צוויי ענינים: גור און ארי׳, ד.ה. אז עס זיינען געווען צוויי זמנים, איין זמן ווען ער איז געווען א גור און א צווייטער זמן ווען ער איז געווען אן ארי׳; איז דאס מכריח אז דאס קען ניט גיין אויף יהודה׳ן,

ווארום ביי יהודה געפינט מען ניט אז עס זאל זיין ביי אים צוויי זמנים, אז גלייך בקטנותו זאל ער זיין א מלך על

על אחיו, דאס געפינט מען בלויז שפעטער, מוז מען זאגן אז דאס
גייט אויף דוד'ן, און דאס וואס עס שטייט גלייך נאכדעם דער
ווארט "יהודה", גייט דאס אויף אראפ - אויף דעם וואס ס'שטייט
נאך דעם.

וואס ביי דוד'ן געפינט מען יא די צוויי ענינים, אז
פריער איז ער געווען א גור, ווארום בשעת שאול איז געווען
מלך, איז ער אויך געווען מוציא ומביא את ישראל, און שפעטער
איז ער אליין געווען א מלך.

דערפאר ברייננגט רש"י תרגום אונקלוס, כדי צו שולל
זיין תרגום יונתן בן עוזיאל, וואס ער לערנט אז גור איז א
שם כללי אויף אלע חיות קטנות, ובמילא האט געקענט זיין גור
ארי', אדער גור זאב, אדער גור שועל, וכיו"ב, דארף דער פסוק
אויסטייטשן אז עס מיינט "גור בר ארי'",

וואס לפי"ז זיינען דאס ניט קיין צוויי ענינים, גור
און ארי', נאר עס איז איין ענין גור בר ארי',

רש"י וויל אבער אזוי ניט לערנען, ווייל עס שטייט
ניט גור בר ארי', לערנט רש"י אז דאס זיינען צוויי ענינים,
און עס גייט אויף צוויי זמנים. דערפאר ברייננגט ער "וזהו
שתרגם אונקלוס", כדי צו שולל זיין תרגום יונתן. און עס איז
אויך ניט גענוג ער זאל בלויז מעתיק זיין דעם לשון פון תרגום
"שלטון יהא בשרויא", ווארום מצד דעם לשון אליין וואלט מען
אויך געקענט לערנען ווי דער תיב"ע, אז דאס מיינט חיוה קטנות,
זאגט רש"י בפירוש "תרגום אונקלוס", וואס ער איז מפרש אז עס
גייט אויף צוויי זמנים.

דערנאך איז רש"י מפרש אז "מטרף" גייט אויף יוסף'ן,
עס שטעלט זיך אבער די שאלה אויף וואס גייט דער ווארט "בני",
צי אויף "מטרף" אדער אויף "עלית", ד.ה. צי מ'דארף לייענען
"מטרף בני", אדער "מטרף - בני (יהודה) עלית". זיינען כמה
פרשנים מפרש אז דער פירוש איז "מטרף בני", און "בני" גייט
אויף יוסף'ן, רש"י לערנט אבער אז "בני" גייט אויף אראפ,
"בני עלית", און בלויז דער ווארט "מטרף" אליין גייט אויף
יוסף'ן, אבער "בני" גייט אויף יהודה'ן.

וויבאלד רש"י לערנט אזוי, קען ער במילא אויך לערנען
אז אין "מטרף" גייט אויך אריין הריגה תמר, ווארום אויב רש"י
וואלט געלערנט אז דאס מיינט מטרף בני, וואס בני גייט אויף
יוסף, וואלט רש"י ניט געקענט לערנען אז אין דעם ווערט נכלל
הריגה תמר, ווארום דער פסוק זאגט בפירוש אז דא רעדט מען
וועגן "טרף בני", אבער לאחר וואס רש"י לערנט אז בני גייט
אויף אראפ, קען רש"י זאגן "וכן בהריגת תמר וכו'".

דערפאר ווארט רש"י מיט זיין פירוש פון "וכן בהריגה
תמר וכו'", ביז ער איז מפרש בני עלית, כדי צו פריער זאגן
אז דער ווארט "בני" גייט אויף אראפ, און דערנאך איז ער
מפרש "וכן בהריגת תמר".

וואס איז

הנחת הת' בלתי מוגה

וואס איז טאקע רש"י׳ס הכרח אז "בני" גייט אויף אראפ? איז דאס ווייל פון דעם לשון "מטרף" אליין ווייס מען אויך אז עס גייט אויף יוסף, ווארום בלויז ביי יוסף׳ן שטייט טרוף טורף יוסף.

דאס איז אבער ניט מספיק · אז צוליב דעם זאל מען ניט קענען לערנען אז דאס מיינט מטרף בני, איז דער הכרח פון דעם וואס דא וויל דאך יעקב זאגן א שבח אויף יהודה׳ן, וואס צוליב דעם גיט מען אים מלכות, קען יעקב ניט זאגן מטרף <u>בני</u>, ווארום דאס באווייזט אז נאר פון טרף <u>בני</u> איז געווען "עלית", אבער פון אן אנדערן איז א ספק ביי יעקב׳ן צי עס וואלט געווען עלית, איז דאס ניט קיין שבח אויף יהודה צו זאגן אז דוקא פון א ברודער, א בן יעקב, איז געווען "עלית",

דערפאר לערנט רש"י אז דא · איז ניט דער פירוש מטרף בני, ווארום וועגן יוסף׳ן שטייט פיי ווי אין דעם ווארט "מטרף", נאר דער פירוש איז "בני עלית".

און וויבאלד אז רש"י זאגט אז בני גייט אויף אראפ, קען ער דערנאך זאגן "וכן בהריגת תמר וכו׳", כנ"ל. און דערפאר איז אויך רש"י מעתיק דעם ווארט בני, און ניט בלויז מפרש דעם ווארט עלית, אויף זאגן אויף וואס גייט דער ווארט "בני".

פארוואס אבער דארף רש"י זאגן אז דאס מיינט אויך הריגת תמר, וואס איז דאס נוגע? נאר אויב רש"י וואלט דאס ניט געזאגט וואלט דער בן חמש למקרא געפרעגט א שאלה: ווי קומט עס אז צוליב דעם "מטרף בני עלית" האט מען אוועקגענומען מלכות פון ראובן און דאס געגעבן יהודה׳ן - ביי יהודה איז נאר געווען איין ענין, וואס ער האט געזאגט מה בצע וגו׳, משא"כ ביי ראובן זיינען דאך געווען צוויי ענינים: ער האט געוואלט להשיבו אל אביו, און אויך די תשובה פון "שקו ותעניתו"? דערפאר איז רש"י מפרש, אז ביי יהודה זיינען אויך געווען צוויי ענינים, די מעשה מיט יוסף און מיט תמר,

דאס פארענטפערט טאקע ניט די שאלה וואס מ׳האט געפרעגט פריער, פארוואס מען האט דאס אוועקגענומען פון ראובן. דלכאורה איז ביי ראובן דאס געווען מער ווי ביי יהודה, עס פארענטפערט אבער איין פרט, וואס ביי יהודה איז געווען איין זאך, און ביי ראובן צוויי ענינים.

עפי"ז קען דערנאך רש"י אויספירן "לפיכך כרע רבץ וגו׳ בימי שלמה", ווארום ביז שלמה געפינט מען ניט אז עס זאל זיין אזא אופן פון שלום, איז אויב רש"י וואלט געלערנט אז גור ארי׳ מיינט גור בר ארי׳, וואלט מען ניט געקענט לערנען אז דערנאך רעדט זיך וועגן דוד׳ן, ווארום דעמאלט וואלט אויסגעקומען אז גלייך פון תקופה גור פון דוד׳ן שפרינגט מען איבער צו תקופת שלמה, און מ׳היפט איבער די תקופה ווען דוד איז געווען מלך, אבער אז "גור" איז איין זמן און "ארי׳" א צווייטער זמן, גייט עס על הסדר, - פריער "גור" פון דוד, און

דערנאך

דערנאך "ארי׳" פון דוד, און דערנאך בזמן שלמה ווען עס איז געווען דער ענין השלום, און ווי מ׳האט גערעדט אין די מאמרים פון י"ט כסלו, אז דוקא מצד וואס שלמה איז דער ענין פון שלום, האט ער געקענט בויען דעם בית המקדש, וועלכע איז ענין השלום.

עפי"ז זיינען פארשטאנדיק אלע דיוקים שבפירוש רש"י, אז רש"י מוז לערנען אז גור ארי׳ גייט אויף דוד, און ער מוז אראפברייגגען פון תרגום אונקלוס, און דש"י מוז לערנען אז בני גייט אויף "עלית", וואס דערפאר קען ער זאגן "וכן בהריגת תמר", און ער מוז ווארטן ביז ער איז-פריער מפרש די ווערטער בני עלית, און דערנאך זאגן וכן בהריגת תמר.

איצטער בלייבט נאר איבער די צוויי שאלות: א) פארוואס האט מען אוועקגענומען מלכות פון ראובן, ב) פארוואס לערנט ניט רש"י אז מען האט אוועקגענומען אויך די בכורה פון ראובן. וכפי שיתבאר לקמן.

ו. עפ"י האמור וועט אויך פארשטאנדיק ווערן נאך א דיוק וואס מ׳שטעלט זיך ניט אויף דעם: רש"י זאגן "טרוף טורף יוסף חי׳ רעה אכלתהו, וזהו יהודה שנמשל לארי׳". ולכאורה וואו איז ער נמשל לארי׳ - אין דעם פסוק, איז פארוואס זאגט ניט רש"י שנמשל לגור ארי׳, בלשון הפסוק?

נאר עפ"י האמור איז מובן: "גור" קען ניט גיין אויף יהודה׳ן, ווארום ער איז ניט געווען בקטנותו קיין מלך, נאר בלגיז לאחרי וואס מ׳זעט אז "ארי׳" גייט אויף דוד ווען ער איז געווען א מלך, קען מען זאגן אז אויך יהודה נמשל לארי׳, ווארום ער איז דאך אויך געווען א מלך באחיו.

ולפי"ז קומט אויס נאך א זאך: אז אעפ"י דער פירוש אין פסוק איז אז די ווערטער גור ארי׳ גייען ניט אויף דעם ווארט יהודה וואס שטייט נאך זיי, ווארום זיי גייען דאך אויף דוד׳ן, ניט אויף יהודה׳ן - אבער לאחרי זה קען דער ווארט ארי׳ גיין אויך אויף יהודה, ווארום אויך ער איז געווען א מלך. ולפי"ז גייט דער ווארט ארי׳ סיי אויפן ווארט גור, און סיי אויפן ווארט יהודה.

איצטער בנוגע די שאלה פארוואס מען האט אוועקגענומען מלכות פון ראובן מצד דעם "חללת יצועי עלה", וואס דאס איז געווען פארבונדן מיט כבוד אב, און ניט מיט קיין ענין של עריות, נאר אן ענין פארבונדן מיט די שכינה, ווי רש"י זאגט, און זיין תשובה איז דאך געווען גדעסער ווי ביי יהודה׳ן, און אזוי אויך בנוגע הריגת יוסף, האט דאך יהודה געזאגט נאר מה בצע וגו׳ און האט אים פארקויפט, משא"כ ראובן האט געוואלט להשיבו אל אביו?

נאר דער ביאור אין דעם: דער ענין פון מלוכה איז ווי דער לשון הידוע "אין מלך בלא עם", אז מ׳דארף מושל ושולט זיין אויף א צווייטן, און ענין המלוכה איז אז מ׳האט אין זיך די

די שטארקייט אויף מושל זיין אויף אנדערע. און אויך איז דער ענין פון כהונה פארבונדן מיט א צווייטן, ווי רש"י זאגט אויף "יתר שאת" אז דאס איז דער ענין פון נשיאות כפים, מברך זיין ישראל און טאן זייער עבודה; דאס זיינען ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט א צווייטן.

משא"כ דער ענין פון בכורה, איז ניט נוגע צו א צווייטן; און דאס וואס דער בכור נעמט פי שנים, איז ניט דער פשט אז ער האט צו טאן מיט א צווייטן, און ער נעמט צו פון אים, נאר ער נעמט דאס אזוי לכתחילה, ואדרבה: אויב ער וואלט געווען דער איינציקער וואלט ער גענומען די גאנצע זאך, און איצטער אז ס'איז דא נאך איינער נעמט יענער צו פון אים; קומט אויס אז דער ענין פון בכורה האט ניט צו טאן מיט אנדערע, דאס איז נוגע זיך אליין.

דערפאר האט מען אוועקגענומען פון ראובן דעם ענין פון מלכות און כהונה, ווארום דאס וואס ראובן האט געוואלט להשיבו אל אביו, האט יוסף גארניט געהאט פון דעם, ער איז געבליבן ווי פריער, משא"כ דורך דעם וואס יהודה האט אים געראטעוועט פון הריגה, האט יוסף געהאט עפעס פון דעם.

אזוי אויך בנוגע תמר: דורך דעם וואס יהודה האט געזאגט צדקה ממני איז ארויסגעקומען אז מ'האט איר ניט גע'-הרג'עט, - הייסט דאס אז פון דער תשובה פון יהודה האט תמר עפעס געהאט, משא"כ פון דעם וואס ראובן האט תשובה געטאן האט קיינער ניט געהאט פון דעם, דאס איז געווען אן ענין פרטי לעצמו וואס איז צו קיינעם ניט געווען נוגע.

דעריבער איז די ענינים פון מלכות און כהונה האט מען אוועקגענומען פון ראובן, ווארום וויבאלד אז זיי זיינען ענינים וועלכע זיינען נוגע צו א צווייטן, האט מען דאס אוועקגעגעבן צו יהודה'ן, וואס ביי אים האבן די צוויי ענינים פון ראטעווען יוסף און תמר געהאט א פעולה אויף א צווייטן; און מ'האט עס צוגענומען פון ראובן, אעפ"י ער האט אויך געהאט די צוויי ענינים, אבער ביי אים איז פון דעם גאר ניט ארויס צו א צווייטן.

משא"כ דער ענין הבכורה, וויבאלד דאס איז אן ענין וואס איז ניט נוגע צו א צווייטן נאר דאס איז נוגע זיך אליין, דאס האט מען טאקע ניט אוועקגענומען פון ראובן, ווארום בנוגע זיך אליין האט ער געהאט א הויכע דרגא.

לפי"ז ווערט פארשטאנדיק וואס מפרשים מאטערן זיך, ווי אזוי האט מען גענומען אוועקנעמען די בכורה פון ראובן, עס איז דאך א דין (ב"ב קלג,ב) אז מ'טאר ניט מעביר נחלה זיין פון א ברא בישא לברא טבא; אעפ"י אז רש"י דארף דאס ניט באווארענען, ווארום דאס וואס מ'טאר ניט מעביר נחלה זיין איז א גמרא אין ב"ב, און דער קינד וויים נאך ניט קיין גמרא אין ב"ב, ווערט אבער די שאלה פון א בפירוש'ן פסוק:

ווייטער

ווייטער אין דבריט (כא,טז) שטייט "לא יוכל לבכר את בן האהובה על פני בן השנואה הבכור", שטייט דאך בפירוש אין פסוק אז מ׳טאר ניט מעביר נחלה זיין פון א בן שנואה צו א בן אהובה, און דער פסוק איז ניט מחלק צוליב וואס דער איז א בן שנואה און דער איז א בן אהובה, ס׳קען זיין צוליב דעם וואס ער איז א צדיק און דער איז א רשע, און אעפ"כ שטייט אז מ׳טאר ניט מעביר נחלה זיין, דארף דאך דער קינד פרעגן א שאלה, ווי האט מען אוועקגענומען די בכורה פון ראובן און דאס געגעבן יוסף׳ן?

נאר לפי פירוש רש"י איז דאס פארשטאנדיק, אז די בכורה האט מען טאקע ניט אוועקגענומען פון ראובן, און דאס איז געבליבן ביי אים. (וראה שיחת ש"פ שמות)

די שאלה ווערט דאך אבער פון דעם פסוק אין דברי הימים, וואס דארטן שטייט בפירוש אז מ׳האט אוועקגענומען די בכורה פון ראובן "ונתנה לבני יוסף"?

נאר דער ביאור אין דעם איז: דארט שטייט ניט אז "נתנה ליוסף", נאר "נתנה לבני יוסף", ולכאורה פונקט ווי דא שטייט ניט אז מ׳האט געגעבן מלכות צו בני יהודה, נאר מ׳האט דאס געגעבן יהודה׳ן אליין, האט דאך דארט אויך געדארפט שטיין אז מ׳האט אוועקגעגעבן די בכורה ליוסף?

נאר דער ביאור איז: מ׳האט טאקע ניט אוועקגענומען די בכורה פון ראובן, און ראובן האט טאקע גענומען פי שנים מצד דערוף וואס ער איז דער בכור; דארט רעדט זיך אבער בנוגע דעם ענין פון צוטיילט ווערן אויף שבטים, דאס האט מען טאקע געגעבן צו די בני יוסף,

וואס אין דעם איז ניט דער פשט אז מען האט אוועקגענומען דעם ענין פי שנים אין נחלה פון ראובן און מ׳האט דאס געגעבן א צווייטן, נאר בלויז דעם ענין פון צוטיילן אויף צוויי שבטים האט מען געגעבן צו די בני יוסף, אבער מצד די נחלה האבן זיי גענומען נאר בלויז איין חלק (ווארום אפילו זיי וואלטן געבליבן איין שבט וואלטן זיי גענומען די זעלבע נחלה כפירש"י (מח,ו)), און זיי זיינען צוטיילט געווארן בלויז בנוגע דגלים וכו׳.

ד. בהמשך להמדובר לעיל (במאמר[28]) אודות הפסוק[29] "יהודה אתה יודוך אחיך", הנה גם בנוגע להנהוג לבאר פירוש רש"י בפרשת השבוע, נתעכב על ענין ששייך ליהודה — על הפסוק[30] "גור ארי' יהודה גו'".

הביאור בפירוש רש"י: "גור ארי' — על דוד נתנבא (שרק אצלו מצינו ב' תקופות: "גור" ואח"כ "ארי'"), בתחלה גור, בהיות שאול מלך עלינו אתה הייתה המוציא והמביא את ישראל[31], ולבסוף ארי', כשהמליכוהו עליהם. וזהו שתרגם אונקלוס שלטון יהא בשירויא, בתחלתו" (ולא כבתיב"ע ות"י: "גור בר אריון");

"מטרף, ממה שחשדתיך בטרוף טורף יוסף חי' רעה אכלתהו[32], וזהו יהודה שנמשל לארי'[33]. בני עלית, סלקת את עצמך ואמרת מה בצע וגו'[34], וכן בהריגת תמר שהודה צדקה ממני[35], לפיכך כרע רבץ וגו', בימי שלמה[36] איש תחת גפנו וגו'"[37],

— דכיון שהסיבה לכך שיהודה זכה במלוכה (ולא ראובן) היא בגלל ש"מטרף בני עלית" ("לפיכך כרע רבץ גו'"), הרי כשם שאצל ראובן מצינו הן הענין דהצלת יוסף, והן ענין התשובה על בלבול יצועי

---

28) לעיל ע' 433 ואילך.

29) פרשתנו מט, ח.

30) שם, ט.

31) שמואל־ב ה, ב.

32) וישב לז, לג.

33) ועפ"ז: תיבת "ארי'" קאי הן על "גור" שלפניו ("בתחלה גור .. ולבסוף ארי'"), והן על "יהודה" שלאחריו.

34) שם, כו.

35) שם לח, כו.

36) כלומר: כיון שהפירוש ד"גור ארי'" הוא "בתחלה גור .. ולבסוף ארי'", הרי הכתוב הוא על הסדר: (א) "גור" — כאשר דוד הי' רק המוציא והמביא בזמן מלכות שאול, (ב) "ארי'" — זמן מלכותו של דוד, (ג) בימי שלמה, שאז הי' ענין השלום בשלימותו (כמשנ"ת בד"ה פדה בשלום דמוצש"ק פ' וישלח, י"ט כסלו פ"ה (לעיל ע' 322 ואילך) שלכן הי' בנין ביהמ"ק ע"י שלמה); משא"כ להפירוש "גור בר אריון", נמצא, שהכתוב מדלג מהתקופה שדוד הי' רק "גור" לתקופת שלמה.

37) מלכים־א ה, ה.

---

לנפילת מחשבה זרה, שזהו "כמשל אדם המתפלל בכוונה ועומד לנגדו ערל רשע ומשיח ומדבר עמו כדי לבלבלו כו'".

אביו, עכצ"ל שכן הוא גם אצל יהודה, ולכן מוכרח לפרש ש"עלית" קאי על הסילוק לא רק מהריגת יוסף אלא גם מהריגת תמר. והחילוק בין ראובן ליהודה, שהמעלה של ראובן היא בנוגע לעצמו, ואילו המעלה של יהודה היא בנוגע לטובת והצלת הזולת, ולכן ראוי יהודה למלכות, כי תפקידו של המלך לדאוג לצרכי העם —

הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, ונדפס בלקו"ש חט"ו ע' 439 ואילך.

ח. ה״יינה של תורה״ וההוראה מפירוש רש״י בנוגע להתעסקות באהבת ישראל — נכללה בשיחה המוגהת הנ״ל (ס״ד).

(וסיים כ״ק אדמו״ר שליט״א:

וכאשר ישנו ה״קאָך״ באהבת ישראל, ועי״ז גם באהבת התורה ובאהבת ה׳[52], הרי זה פועל גם אהבת ה׳ לבנ״י, כמ״ש[53] ״אהבתי אתכם אמר ה׳״, ואז מברך הקב״ה את בנ״י בכל המצטרך, ובאופן ש״כן ירבה וכן יפרוץ״[54], ועד לענין הגאולה (לאחרי שכבר ״הנה זה עומד אחר

---

48) ישעי׳ ס, כא. וראה סנהדרין ר״פ חלק.

49) ראה יומא ו, א. וש״נ.

50) ב״ב קסד, סע״ב ואילך. הובא בתניא פי״ב.

51) פכ״ט (לו, ב).

52) ראה סה״ש קיץ ה׳ש״ת ע׳ 2 ואילך.

53) מלאכי א, ב.

54) שמות א, יב.

כתלנו"[55]), ובלשון המדרש[56]: "ראובן ושמעון נחתין, ראובן ושמעון סלקין", בבוא הזמן שעליו נאמר[57] "עד כי יבוא שילה ולו יקהת עמים".

[לאחרי תפלת מנחה התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן הניגון "הושיעה את עמך"].

---

55) שה"ש ב, ט. וראה סה"ש תרצ"ט ע' 316.

56) ויק"ר פל"ב, ה.

57) פרשתנו מט. יו"ד.